**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארבעסערן סטעיט אפרוף צו קאָוויד-19 פאנדעמיע**

***לעגיסלאציע (S.4516-C/A.7536-B) מאכט דאס פאלשירן פון קאָוויד-19 וואקסינאציע רעקארדס א פארברעך***

***לעגיסלאציע (S.4962/A.5062) גיבט סקולס פארבעסערטע צוטריט צו די דער סטעיט-ברייטע אימוניזאציע דאַטעבעיס***

***לעגיסלאציע (S.6375/A.5713) פאראָרדענט דעם געזונטהייט קאמיסיאנער אויסצופירן א שטודיע פון דער ליפערונג פון אמבולאטארישע באהאנדלונג און אנדערע מעדיצינישע באהאנדלונג אין אפרוף צו דער קאָוויד-19 פאנדעמיע***

***לעגיסלאציע (S.6070-A/A.7324-A) פאראָרדענט פאר'ן דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס דורכצופירן א שטודיע אויף געוויסע תוצאות פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאציע פעקל וואס וועט פארבעסערן ניו יארק׳ס אפרוף צו דער אנגייענדער קאָוויד-19 פאנדעמיע. דאס לעגיסלאטיווע פעקל וועט נעמען א גרויסן טריט פאראויס אין דעם סטעיט׳ס באמיאונגען צו העכערן וואקסינאציע ראטעס און שטודירן די ווירקונגען וואס דער פאנדעמיע האט געהאט אויף אונזער עקאנאמיע און געזונטהייט באהאנדלונג סיסטעם.

מיר דארפן זיכער מאכן אז מיר לערנען זיך אפ פון דער פאנדעמיע כדי אז מיר מאכן נישט נאכאמאל די זעלבע גרייזן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די נייע געזעצן וועלן אונז העלפן פארבעסערן אונזער אפרוף צו דער פאנדעמיע, זיך נעמען שטרענג צו שווינדלערישע באניץ פון וואקסינאציע רעקארדן, און אונז העלפן בעסער פארשטיין די סארטן פארבעסערונגען וואס מיר דארפן מאכן כדי צו זענען בעסער צוגעגרייט אין דעם צוקונפט.״

**פעלשן קאָוויד-19 וואקסינאציע רעקארדס**

לעגיסלאציע (S.4516-C/A.7536-B) טוט בעסער ערקלערן אז א קאָוויד וואקסינאציע קארטל וועט גערעכנט ווערן אי געשריבענע מיטל פאר צוועקן פון דער פעלשירונג שטאטוט, וואס מאכט דאס פאלשירן א קאָוויד-19 וואקסינאציע קארטל א קלאס A לייכטער פארברעך געזעץ פארלעצונג (׳מיסדעמינער׳). עס שאפט אויך א נייע E פארברעך (׳פעלאני׳) פון קאמפיוטער מאניפולירן אין דעם דריטן גראד פאר במזיד ארייננשטעלן, ענדערן אדער אויסמעקן ״קאמפיוטער מאטעריאלן״ בנוגע קאָוויד-19 וואקסין פראוויזיעס. מענטשן וועלכע פאלשירן זייער וואקסינאציע היסטאריע טוען נישט נאר איינשטעלן זייער אייגן געזונט נאר ויך די געזונט פון אלע מיט וועמען זיי קומען אין בארירונג. די לעגיסלאציע פארזיכערט אז אזוי ווי ניו

יארק עפנט זיך אויף צוריק און פילע ביזנעסער וועהלן אויס זיך צו פארלאזן אויף באקוקן וואקסינאציע סטאטוס, וועט דאס פאלשירן וואקסינאציע סטאטוס נישט טאלערירט ווערן.

**סענאטארקע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** ״איצט אז דער אָמיקראָן ווריענט שטעלט דער קאמיוניטי אין א גרעסערע געפאר און דראעט די פארשריטן וואס מיר האבן געמאכט אין זיך ערהוילן פון דער פאנדעמיע, טוען אומצאליגע באשעפטיגער, שולעס, קלענערע ביזנעסער, און קאמיוניטיס זיך פארלאזן אויף אוטענטישע וואקסינאציע סטאטוס באוויז אלס א מיטל צו האלטן זייערע ערטער זיכער פון קאָוויד טראנסמיסיע. עס איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי דרינגענד אז מיר זאלן אפהיטן דעם פראצעס פון שווינדלעריי כדי אז דער געזונט און זיכערהייט פון דעם פובליק ווערט נישט איינגעשטעלט דורך בייזוויליגע פארשוינען וועלכע ניצן געפעלשטע וואקסינאציע קארטלעך אדער פאספארטן. דער ׳ווארהייט אין וואקסינאציע׳ געזעץ וועט סערווירן אלס א שטארקע אפשרעק מיטל אפצוהאלטן מענטשן פון גיבן פאלשע אינפארמאציע איבער זייער וואקסינאציע סטאטוס, באשיצן פובליק געזונטהייט, און פארזיכערן אז אונזער עקאנאמישע ערהוילונג קען זיך נישט ציען פאראויס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט אין באקעמפן דעם קריזיס, און איך בין דאנקבאר פאר מיין צוזאמענארבעט מיט אסעמבלימאן דזשעפרי דינאוויץ דורכצופירן דעם קריטישן געזעץ דורך דעם לעגיסלאטור.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** ״די דאטע איז קלאר אויף וואקסינאציע פאדערונגען — זיין ארבעטן. עס איז אבער אויסטערליש די מערקווירדיגע לייכטקייט מיט וועלכע ניו יארקער קענען ווארשיינליך פעלשירן זייערע וואקסינאציע רעקארדס און מאכן אן אנשטעל פון אויספאלגן דעם געזעץ. דער נייער געזעץ וועט בלי ספק העלפן פראקורירער און אנדערע געזעץ אינפארסירער צו האלטן מענטשן פאראנטווארטליך פאר די שאדנס וואס זיי מאכן אן צו דער פובליק געזונטהייט דורך אונטערגראבן די ווירקזאמקייט פון וואקסינאציע פאדערונגען אין ארבעטס-פלעצער, ביזנעסער, רעסטאראנטן און נאך. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר׳ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע אלס געזעץ, און פאר סטעיט סענאטארקע קאפלאן פאר איר צוזאמענארבעט אין דורכפירן דעם ביל אין דעם אנדערן לעגיסלאטיווע קאמער.״

**פארבעסערן סקול צוטריט צו די סטעיט-ברייטע אימוניזאציע דאַטעבעיס**

לעגיסלאציע (S.4962/A.5062) גיבט פאר סקולס פארבעסערטע צוטריט צו די סטעיט-ברייטע אימוניזאציע דאַטעבעיס, פארלאנגנדיג פון דעם העלט דעפארטמענט (DOH) צו ערמעגליכן פאר יעדע סקול צו האבן צוטריט צו די אימוניזאציע רעקארדס פון זייערע סטודענטן. אין איצטיגן מאמענט, האבן סקולס וואס זענען נישט קיין סקול-באזירטע העלט צענטערס נאר צוטריט צו דער ניו יארק סטעיט אימוניזאציע אינפארמאציע סיסטעם (NYSIIS). דאס פירט צו דעם אז סקולס דארפן איינציגווייז זוכן יעדע פון די סטודענטן׳ס אימוניזאציע רעקארדס און זיי באזונדער דאונלאד׳ען צו זייער דאטעבעיס. מיט דער לעצטערער אנפלייץ פון סטודענטן אין די יארן פינף ביז אכצן וועלכע וואקסינירן זיך, וועט דאס ערמעגליכן פאר סקולס צו דאונלאד׳ען זייער פולער רשימה פון וואקסינאציע דאַטע זיי שפארן פילע שעה׳ן שטאב ארבעט, און פארבעסערן די אינפעקציע אפרוף פון סקולס.

**סענאטאר עליידזשע רייכלין-מעלניק האט געזאגט,** ״דער נייער געזעץ ערמעגליכט פאר סקול נורסעס צו געבן מער צייט אויף צו פאקוסירן אויף דער געזונט פון די קינדער אונטער זייער אויפפאסונג ווי אויף די לאנגווייליגע ביוראקראטישע ארבעט. איך בין שטאלץ געווען צו ספאנסירן די דאזיגע בייפארטיזען לעגיסלאציע דורכצושניידן די ביוראקראטישקייט און זיכער מאכן אז העלטקעיר פראפעסיאנעלן אין סקולס האבן מער צייט זיך אפצוגעבן מיט זייער ארבעט און וויניגער צייט ארייננ׳טייפ׳ען. די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט אונז געלערנט אז מיר דארפן מאכן אונזער געזונטהייט און בילדונגס סיסטעמען מער עפעקטיוו, האבן מער מיטגעפיל, און זיין מער ווירקזאם, און דער דאזיגער געזעץ איז א וויכטיגער טייל פון

דעם פעקל בּילס וואס דער גאווערנער האט אונטערגעשריבן זיכער צו מאכן אז ניו יארק גייט ווייטער אין דעם גוטן ריכטונג.״

**אסעמבלי-מיטגליד דר. אנא אר. קעלעס האט געזאגט,** ״סקול נורסעס האבן געשפילט א קריטישע ראלע אין דער געזונטהייט און גייסטישע וואוילזיין פון סקול קינדער אין לויף פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. מיר זענען שולדיג פאר אונזערע קינדער צו פארזיכערן אז נורסעס טוען אויפפאסן אויף זיי און ווערן נישט באגראבן מיט כסדר׳דיגע דאטע איינשטעלן. נורסעס פארברענגען טויזנטער שעה׳ן מיט די האנט אריינשטעלן סטודענטן׳ס רעקארדס. דער געזעץ ערמעגליכט פאר נורסעס צו פאקוסירן אויף סטודענטן, נישט אויף דאטע. דאס איז הויפטזעכליך נויטיג אזוי ווי סטודענטן ראנגלען זיך מיט געהויבענע שטאפלען גייסטישע און עמאציאנעלע פראבלעמען פארבינדן מיט דער פאנדעמיע, וואס, איבערהויפט אין קליינע קינדער, האט זיך באוויזן מיט בויך ווייטאג, שמערצן, און קאפ ווייטאג. סקול נורסעס זענען געווען אויף די פארנט ליניעס פון דעם קריזיס און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל היינט און פארלייכטערן א טייל פון זייער עול.״

**DOH וועט דורכפירן מעדיצינישע באהאנדלונג שטודיע פארבינדן מיט דער פאנדעמיע**

לעגיסלאציע (S.6375/A.5713) פאראָרדענט פאר׳ן געזונטהייט קאמיסיאנער אויסצופירן א שטודיע איבער דאס ליפערן פון אמבולאטארישע סערוויסעס און אנדערע מעדיצינישע באהאנדלונג אין אפרוף צו דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. דער קאמיסיאנער וועט דאן רעקאמענדירן וויאזוי צו פארבעסערן דאס דערלאנגען, קוואליטעט, צוגענגליכקייט און קאסט פון דער פולער ריי אמבולאטארישע געזונטהייט באהאנדלונג סערוויסעס פארלאנגט דורך דער קאמיוניטי. די געפינסן און רעקאמענדאציעס וועלן דאן ווערן פובליצירט אויף דער DOH׳ס וועבזייטל. דער בּיל וועט העלפן פארבעסערן מעדיצינישע צוטריט פאר ניו יארקער, איבערהויפט די וועלכע וואוינען דארט וואו עס איז פאראן א מאנגל אין פובליק שפיטעלער און וועלכע פארלאזן זיך גאר שטארק אויף אמבולאטארישע סערוויסעס. אן ענליכער שטודיע איז דורכגעפירט געווארן אין 2017, און דעריבער וועט דאס זיין א געלעגנהייט צו זען וויאזוי דער פאנדעמיע האט אפעקטירט אונזער מעדיצינישע באהאנדלונג סיסטעם.

**סענאטארקע דיענע סאווינא האט געזאגט,** ״עס זענען נישט פאראן קיין פובליק שפיטעלער וואס געפונען זיך אויף סטעטען איילענד און עטליכע אנדערע ערטער לענגאויס דעם סטעיט, רעזולטירנדיג אין פובליק שפיטעלער מדבריות. די שטודיע פון אמבולאטארישע געזונטהייט סערוויסעס אין דער סטעיט אין אפרוף צו דער קאָוויד-19 פאנדעמיע וועט העלפן ווייזן דעם וועג צו די ערטער וואו סטעיט שטיצע-מיטלען געפונען זיך און וואו זיי דארפן געפירט ווערן. איך לויב מיין קאלעגע אסעמבלימאן טשארלס פאל פאר ברענגען דעם נושא צום פארנט און איך דאנק גאווערנער קעטי האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם בּיל אלס געזעץ.״

**אסעמבלי-מיטגליד טשארלס די. פאל האט געזאגט,** ״וויבאלד עס געפונען זיך נישט קיין פובליק שפיטעלער אויף סטעטען איילענד און אין געוויסע טיילן פון ניו יארק סטעיט, פארלאזן זיך פילע איינוואוינער אויף קאמיוניטי-באזירטע געזונטהייט הילפס-מיטלען פאר א ברייטע ריי מעדיצינישע סערוויסעס, אריינגערעכנט פיזישע אונטערזוכונגען, דיאגנאז און באהאנדלונג פון קראנקע און געשעדיגטע, גיכע לאבאראטאריע טעסטס און דורכקוקן, קינדער פאציענט באהאנדלונג און פרויען׳ס וואוילזיין געברויכן פאר עטליכע פון די מערסט באדערפטיגע איינוואוינער. אין דער צייט וואס מיר זעצן פאר ווייטער צו אדרעסירן דער פאנדעמיע און אירע וועריענטס, וואס זעצט פאר ווייטער שרעקליך צו שטערן אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס, דארפן מיר זיכער מאכן אז איינוואוינער באקומען ווייטער זייערע געזונטהייט באדערפענישן. דאס האבן איינוואוינער וואס זענען מעגליך עלטערע אדער וואס פעלט זיי טראנספארטאציע צו אן אנדערן אנטשטאלט דורכאויס געהעכערטע פעדעראלע און סטעיט פראטאקאלן

שעדיגט די וואוילזיין פון אלע ניו יארקער איינוואוינער, איבערהויפט די וועלכע וואוינען אויף דער דרום ברעגע פון סטעטען איילענד.״

**DFS וועט אויספירן שטודיע אויף קאָוויד-19 ווירקונג**

לעגיסלאציע (S.6070-A/A.7324-A) פאראדרעסט פאר דער דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (DFS) דורכצופירן א שטודיע אויף ווירקונגען פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע אויף אונטערבאנקירטע און אונטערסערווירטע ערטער, קלענערע ביזנעסער און מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער וואס באקומען לאונס. מינאריטעט און קלענערע-איינקונפט ערטער זענען עקסטער שטארק באטראפן געווארן דורך דער פאנדעמיע, און דעריבער וועט די לעגיסלאציע באקאנטמאכן פאר סטעיט רעגירונג באאמטע וויאזוי באנקירונג איז אפעקטירט געווארן אין די קאמיוניטיס און וואספארא לייזונגען עס זענען פאראן צו שאפן מער צוגענגליכע באנקיר סערוויסעס.

**סענאטאר סענדערס דזשר. האט געזאגט,** ״צוליב דעם וואס מינאריטעט און קנאפע-איינקונפט קאמיוניטיס זענען אומפראפארציאנעל באטראפן געווארן דורך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, איז וויכטיג פאר פאליסי-שאפער און דעם פובליק צו פארשטיין וויאזוי באנקירונג אדער די חסרון פון באנקירוג האבן באווירקט אויף די קאמיוניטיס. מיר דארפן שטודירן און זיך אפלערנען וואס מיר קענען טון צו שטיצע די קאמיוניטיס אין דער צוקונפט ווען עס קומט צו דער באנקירונג סעקטאר.״

**אסעמבלי-מיטגליד קהאליל אנדערסאן האט געזאגט,** ״איך בין דערמוטיג אז גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן מיין ביל (A-7324A/S-06070A) אלס געזעץ, וואס וועט שיינען א ליכט אויף דער ווירקונג פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע אין אומבאנקירטע און אונטערבאנקירטע קאמיוניטיס. באנקירונג איז הויפט וויכטיג פאר שטיצן פינאנציעלע וואוילזיין פאר איינוואוינער און העכערן צוטריט צו קאפיטאל פאר קלענערע ביזנעסער און MWBE ביזנעסער, איבערהויפט אין שווארצע און ברוינע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סיטי און סטעיט. אלס פארזיצער פון דער אונטער-קאמיטע אויף בענק אין אונטערסערווירט קאמיוניטיס, בין איך אנטשלאסן צו העלפן איבערבויען באנקירונג אינפראסטרוקטור אין קאמיוניטיס מיט היסטאריש ווינציגער פארמעגנס. איך לויב דעם גאווערנער פאר פריאריטיזירן די קריטיש-וויכטיגער שטודיע צו שטיצן עקאנאמישע ערהוילונג פאר איינוואוינער און קלענערע ביזנעס אייגנטימער אין שווארצע און ברוינע קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט פאר ווען צוטריט צו קאפיטאל קומט אן שווערער.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן